# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

וואונדערליכע
'השגחה פרטית'
מעשיות פון
היינטיגע צייט -
דערציילט אויף
**דער**
**השגחה פרטית**
**האטליין**

פרשת ראה תשפ"ו × **עלון 202**


## בהשגחה

### וויאזוי עסט אן ארעסטאנט אין די פינסטערניש?

דריי ארעסטאנטן זענען געזעסן אינאיינעם אין א טונקעלע תפיסה קאמער. אלעס איז נאך געווען - בדיעבד - אויסצוהאלטן, אבער איין זאך איז געווען ממש אוממעגליך פאר איינעם פון די ארעסטאנטן, וואס איז נישט געווען קיין גרויסער חכם: דאס עסן.

ווען מ'פלעגט אריינברענגען דאס עסן, האט דער ארעסטאנט נישט געוואוסט פון וועלכע זייט אנצוכאפן דעם לעפל, וואו עס ליגט די רייז, און וואו עס געפינט זיך די זופ. דאס עסן פלעגט זיך אים אייביג אויסגיסן, און ער פלעגט בלייבן הונגעריג.

די אנדערע צוויי קלוגע ארעסטאנטן, וואס האבן נישט געהאט קיין פראבלעמען דערמיט, האבן שטארק רחמנות געהאט אויף אים.

איינער פון זיי האט באשלאסן אים פשוט אויסצולערנען וויאזוי מ'עסט אין די טונקל. ער האט אים מסביר געווען אז א לעפל האט צוויי זייטן און ער קען שפירן מיט די הענט וועלכע זייט ער כאפט אן. און אזוי אויך איבער'ן טעלער און די פארשידענע מאכלים וואס מ'ברענגט.

דער צווייטער קלוגער חבר האט זיך אבער נישט אריינגעמישט און נישט געהאלפן מיט די 'עסן-קורסן'.

האט דער ערשטער חבר אים געפרעגט: "האסט נישט קיין רחמנות אויף אים? קוק נאר ווי ער מוטשעט זיך. קום העלף מיר אים אויסלערנען וויאזוי מ'עסט אין די פינסטערניש."

האט אים זיין חבר געענטפערט: "איך זע ווי דו פלאגסט זיך אים מסביר צו זיין יעדן טאג פונדאסניי, ווייל יעדן טאג קומט אן אנדערער סארט עסן און דו דארפסט אים אלעס ערקלערן נאכאמאל.

איך זיץ אבער דא די גאנצע צייט און איך טראכט נאר איין זאך: וויאזוי איך קען דא מאכן א לעכל. ווי נאר דאס ליכטיגקייט וועט אריינשיינען, וועלן מיר אים שוין מער נישט דארפן גארנישט אויסלערנען - ער וועט פשוט אלעס זען."

עס זענען דא פילע לעזונגען אין לעבן. פאר יעדן פראבלעם איז דא אן אנדערן לעזונג, אבער עס איז דא איין עצה פאר אלע פראבלעמען אינאיינעם: ליכטיגקייט.

ווען א מענטש האט די ליכטיגקייט פון אמונה, און ער גלייבט באמונה שלימה אז דער אויבערשטער פירט זיין וועלט נאר צום גוטן, דארף ער נישט זוכן יעדן טאג א פרישע עצה פאר א פרישע דאגה; אט דאס איז די לעזונג פאר אלעס.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

### דער שרעקליכער שלאנג ווערט גע'הרג'עט

**דער הייליגער צדיק רבי רפאל משה אלבז זצ"ל מיט זיינע באגלייטער זענען געשטאנען אינמיטן א פוסטן געגנט אינדרויסן פון די שטאט סעפרו, ווען פלוצלינג האט א ריזיגער שלאנג באדראעט זייער לעבן...**

פאר פילע יארן האט געלעבט דער הייליגער צדיק רבי רפאל משה אלבז אין די קליינע שטאט סעפרו אין מאראקא. רבי רפאל משה איז געווען באקאנט אלס א בעל מופת, נישט נאר ביי די אידן, נאר אפילו ביי די גוים, וואס האבן אים געהאלטן פאר א גאר הייליגער מענטש נאכדעם וואס זיי האבן געזען מיט די אייגענע אויגן עטליכע ניסים וואס ער האט באוויזן דורך די כח פון זיינע תפילות און זיין ריינע אמונה אינעם באשעפער.

איין טאג איז דער צדיק ארויסגעגאנגען מיט זיין משמש צו א דערנעבנדיגע גוי'שע שטאט, כדי זיך אביסל אויסצולופטערן.

רבי רפאל משה און זיין באגלייטער זענען געגאנגען אינאיינעם מיט א לאקאלן אראבער וואס האט זיך גוט אויסגעקענט אין די וועגן. שפאצירנדיג רואיגערהייט אין א פוסטע געגנט פול מיטביימער, איז פלוצלינג דער אראבער פארפרוירן געווארן אויף זיין פלאץ, און זיין פנים איז געווארן ווייס ווי קאלעך...

"שטייט!" האט ער געזאגט מיט א ציטערדיגע שטימע, זיינע הענט און פיס האבן געציטערט פאר שרעק.

"איך זע דא גלייך פאר אונז א ריזיגע 'אסאד' שלאנג! מיר זענען אין א גרויסע סכנה!"

דער "אסאד שלאנג" איז געווען דער נאמען פון א שרעקעדיגע, גיפטיגע שלאנג וואס האט זיך געדרייט יענע צייטן אין די מדבריות פון מאראקא. די שלאנג איז געווען אזוי גראב און גרויס אז צומאל האט עס אויסגעזען ווי א דיקע שטאם.

דער אראבער האט פארזיכטיג אנגעוויזן אויף די שרעקעדיגע שלאנג וואס איז געשטאנען אפאר טריט ווייטער. די ריזיגע שלאנג איז געשטאנען הויך צווישן דיביימער און זיך נישט גערירט. א גאנצע גרופע פייגעלעך האבן זיך רואיג אראפגעלאזט אויף איר, און פלוצלינג האט די שלאנג געעפנט איר ריזיגע מויל און אלעס איינגעשלונגען אויפאמאל...

דער אראבער האט אנגעהויבן ציטערן נאך מער און מסביר געווען פארן רב און זיין משמש:

"יעצט איז די שלאנג'ס קאפ אוועקגעדרייט צו די אנדערע זייט, זי איז פארנומען מיט די פייגעלעך וואס זי האט געכאפט. אבער באלד קען זי זיך אויסדרייען איר קאפ צו אונז און אונז אטאקירן. זאגט מיר: זאל איך שיסן א פייל אויף איר צו פרובירן איר צו הרגענען? אויב איך וועל פארפעלן דעם ציל, וועט די שלאנג ווערן זייער בייז און אונז ערלעדיגן אין איין רגע!"

דאס פנים פונעם הייליגן רבי רפאל משה האט געלויכטן, און ער האט געזאגט מיט זיכערקייט:

"מיר וועלן זיך פארלאזן אויפן באשעפער, אונזער באשיצער. מיר דארפן בכלל נישט מורא האבן אדער זיך זארגן; דער אויבערשטער איז מיט אונז אין אונזער צער!ווארט א סעקונדע און איך וועל דאווענען צום באשעפער..."

דער צדיק האט פארמאכט זיינע אויגן מיט גרויס דביקות און מתפלל

<<<


דער גליון איז אויסצוגן פון 'קו השגחה פרטית' - טויזנטער מעשיות, פול מיט חיזוק.

ווילט איר האבן שלוות החיים? **רופט אריין צו קו השגחה פרטית 1-518-613-0140**

## קאנווערטן פון הימל

ברוך השם, איך בין זוכה צו זיצן און לערנען תורה רוב טאג. מיין ווייב, אן אמת'ע אשת חיל, איז פארנומען פון אינדערפרי ביז ביינאכט מיטן אויפציען אונזערע פילע קינדער כ״י, און זי האט שטענדיג וואס צו טון... דורכאויס אלע יארן האבן מיר געזען ווי דער אייבערשטער געדענקט אונז יעדע רגע און שיקט אונז אונזער פרנסה יעדן טאג אויף א פרישן אופן.

נאכדעם וואס מיר האבן געהאט די זכיה חתונה צו מאכן עטליכע קינדער, און ביי יעדן איינעם האבן מיר געזען אפענע ניסים, וויל איך דערציילן איבער די לעצטע צוויי חתונות.

צוויי פון מיינע קינדער זענען געווארן חתנים איינס נאכן צווייטן, און מיר האבן זיך געדארפט גרייטן צו צוויי גאר נאנטע חתונות. די צייט איז געלאפן, און מיר האבן נאך אפילו נישט אנגעהויבן איינצוקויפן פאר די חתונה. איך האב נישט געהאט קיין אנונג פון וואו איך גיי נעמען געלט אדער פון וועמען איך גיי בארגן. די גאנצע צייט האב איך זיך איינגע'חזר'ט אין מיין הארץ אז דער באשעפער וואס האט באשאפן הימל און ערד, נאר פון אים וועט קומען מיין הילף.

נישט נאר האב איך זיך געשטארקט אין בטחון, נאר איך האב געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל מיך שטארקן אז איך זאל אפילו נישט טראכטן אז פלוני אדער אלמוני וועט מיך העלפן. איך זאל נישט ארויפקוקן אויף קיין שום עושר, עסקן, אדער ארגאניזאציע. מיינע אויגן זאלן זיין געווענדן נאר צו אים אליין.

יעדעס מאל די שאלה איז ארויפגעקומען אין מיין קאפ פון וואו איך גיי נעמען עפעס, איז גלייך נאכדעם געקומען די מחשבה, אז אן קיין ספק וועט דער באשעפער עס מיר שיקן. מיין גאנצע עבודה איז געווען צו זיין רואיג און האבן א פולע בטחון.

איך האב געשעפט כח פון די ברכה פון ״על הצדיקים״ אין שמונה עשרה, ווען איך האב געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל מאכן אז מיין חלק זאל זיין אינאיינעם מיט די וואס פארלאזן זיך באמת אויף אים.

איין טאג, אינמיטן מנחה, האט א יונגערמאן געווארט אויף מיר אינדרויסן פונעם בית המדרש. ווי נאר איך בין ארויס, האט ער מיך אפגעשטעלט און געזאגט: ״מזל טוב! איר האט א שידוך געטון מיט א זון!״

האב איך אים געזאגט: ״די וואך האב איך שוין א שידוך געטון מיט מיין צווייטן זון. איך האב יעצט צוויי חתנים אינדערהיים.״

״ברוך השם!״ האט זיך דער יונגערמאן געפרייט מיט אן אמת'דיגער שמחה. ער האט מיך באשאטן מיט ווארעמע ברכות און דערנאך געזאגט: ״ס'איז דא איינער וואס וויל דיר העלפן. גרייט אן א רשימה פון אלע הוצאות וואס איר דארפט פאר די חתונה, אריינגערעכנט טראנספארטאציע צו און פון די חתונה, די שבע ברכות, און אזוי ווייטער. ממש אלעס וואס פעלט זיך אויס פאר די ערשטע חתונה, אבער ממש אלעס. רעכן אויס דעם סך הכל, און ברענג מיר די רשימה.״

איך בין אהיימגעקומען און איבערגעגעבן די ווערטער פאר מיין ווייב. זי איז געזעסן און געטראכט, געמאכט חשבונות און אויסגעפילט א לאנגע ליסטע וואס איז אינאיינעם אויסגעקומען גאר א גרויסער סכום.

איך האב גענומען די ליסטע און עס געגעבן פאר יענעם יונגערמאן. עטליכע טעג שפעטער האט ער מיר מודיע געווען אז דער גאנצער סכום איז באשטעטיגט געווארן. ער האט מיר איבערגעגעבן א דיקן קאנווערט, דאס גאנצע געלט אין קעש, און מיר געווינטשן פיל הצלחה.

איך בין אנגעקומען אהיים מיט די ישועה אין די האנט. איך האב צונויפגערופן אלעמען, און אינאיינעם האבן מיר געזאגט 'נשמת' צו דאנקען און לויבן זיין גרויסן נאמען פאר'ן אונז ברענגען וואס מיר האבן געדארפט אויף אזא בכבוד'דיגן אופן. מיין ווייב איז געגאנגען איינקויפן, און אין יעדע געשעפט האט זי באצאלט מיט קעש. עס איז געווען א ספעציעלע עקספיריענס, ווייל ביי די פריערדיגע חתונות האט זי געדארפט צאלן מיט פעימענטס (תשלומין) אין כמעט יעדע געשעפט, אבער דא איז אלעס געגאנגען גרינג און פרייליך.

אינמיטן דאס איינקויפן האט זיך ארויסגעשטעלט אז נישט אלעס וואס מיר האבן געדארפט איז געווען אויף די ליסטע. אויך דא האבן מיר זיך געשטארקט מיט אמונה און געארבעט צו גלייבן אז די ליסטע אליין איז אויך געווען פונעם באשעפער, און אפילו דאס וואס מיר האבן פארגעסן איז אויך געווען פון אים - כדי מיר זאלן נאך מער מחזק זיין אונזער בטחון, און נאכאמאל דאווענען און זיך פארלאזן אויפן רבונו של עולם מיט אונזער גאנצער כח.

און טאקע, דער הייליגער באשעפער האט אונז געוויזן אז ער קען אלעס מסדר זיין פאר אונז אפילו אויב מיר האבן פארגעסן עטליכע זאכן. איין פרייטאג האט א יונגערמאן געקלאפט ביי מיר אין טיר און געברענגט א קאנווערט לכבוד די חתונה: פופצן טויזנט שקל. דאס איז געווען א סכום וואס האט געהאלפן דעקן אלע איבעריגע זאכן.

מיר זענען נאך געווען ערשטוינט פון די קייט פון ניסים, ווען דער ערשטער יונגערמאן, וואס איז געווען דער שליח

## המשך השגחה עליונה

געווען מעומק הלב, מיט א שטארקע אמונה און בטחון אז דער באשעפער וועט זיי זיכער ראטעווען פון אלעם שלעכטס. ווען ער האט געענדיגט, האט ער געזאגט פארן אראבער:

״דו קענסט שיסן די פייל אויף די שלאנג, און דער באשעפער וועט אונז זיכער היטן!״

דער אראבער האט אנגעשטעלט זיין געווער און ארויסגעשאסן די פייל גלייך אין קאפ פונעם ״אסאד״. די פייל האט געטראפן פונקט אין קאפ, און די שלאנג איז גלייך אראפגעפאלן אויף דער ערד מיט א שטארקן רעש.

דער אראבער איז שנעל צוגעלאפן מיט גרויס התרגשות, אפגעשינדן די הויט, און אפילו נאך ארויסגענומען די פייגעלעך וואס זענען נאך געווען לעבעדיג אין איר מויל! די מעשה האט זיך שנעל צעשפרייט איבער די גאנצע געגנט, ביי די אידן אין סעפרו און אפילו ביי די גוים, און יעדער האט מיט וואונדער גערעדט פון די גרויסע אמונה פונעם צדיק און די כח פון זיין תפילה.

צו ברענגען דעם ערשטן סכום, איז נאכאמאל צוגעקומען צו אונז. ער האט אונז נאכאמאל געגעבן א קאנווערט מיט'ן פולן סכום וואס איז געשטאנען אויף די ליסטע, דאס מאל - פאר די חתונה פון דעם צווייטן קינד! אלעס, ממש אלעס, אפילו די טראנספארטאציע צו די חתונה.

און אלעס וואס איך האב יעצט דערציילט איז נישט קיין דמיון. די מעשה האט באמת פאסירט. דער יונגערמאן און דער קאנווערט, די ליסטע און דער סך הכל, און די צוויי חתונות וואס זענען דירעקט פינאנצירט געווארן דורך דעם באשעפער פון דער וועלט, אויף וועמען איך האב געהאט בטחון.

איך דערצייל דאס מיט דאנק פארן עבר און א תפילה אויפן עתיד, אז דער באשעפער זאל אונז נישט פארלאזן, ווייל בטחון איז עפעס וואס באלאנגט פאר יעדן איינעם, נישט נאר פאר גרויסע צדיקים. און זאל די מעשה זיין א חיזוק פאר אלע מחותנים בפרט, און פאר אלע וואס האבן בטחון אין זיין גרויסן נאמען בכלל.

## אוועקגענומען די קפידא

**הרב מ.ש. פון בית שמש דערציילט:**

בסייעתא דשמיא פארמאג איך א דירה וואס איך פארדינג פאר מענטשן קורץ-טערמינג במשך'ן גאנצן יאר. דורך דעם צינור שיקט אונז דער באשעפער פרנסה, און איך זע ב"ה א ברכה אין מיין הארעוואניע, ברוך השם.

מיט א צייט צוריק האבן מיר געקויפט נאך א דירה צו פארדינגען. מיר האבן עס רענאווירט און אריינגעלייגט דארט אלע לעצטע "אפדעיטס" וואס מומחים האבן רעקאמענדירט. מיר האבן אלעס געטאן מיט א ברייטער האנט און נישט געשפארט קיין געלט, גלייבנדיג אז ווער עס וועט נאר קומען דארט וועט זיך פילן באקוועם און רואיג. מיר האבן אויסטאטאפירט די דירה מיט הערליכע מעבל, צוגעלייגט שיינע וואזעס מיט בלומען, און געווארט אז מענטשן זאלן עס קומען דינגען און הנאה האבן.

למעשה, בשעת אלע אונזערע אנדערע דירות - אין וואס מיר האבן ווייניגער אינוועסטירט, און זיי זענען געווען ווייניגער מאדערן און עלטער - זענען כסדר געווען פארדונגען, איז די דאזיגע שיינע און באקוועמע דירה געבליבן ליידיג. עס איז געווען ממש מאדנע, און איך האב פארשטאנען אז דאס איז נישט ווייל איך האב נישט געמאכט גענוג השתדלות. עפעס אנדערש האלט צוריק די דירה.

איך האב געמאכט א חשבון הנפש און איבערגעאנגען ווער עס איז אלץ געווען פארמישט אין די דירה. האב איך יעדן באצאלט ווי עס דארף צו זיין? דעמאלט האב איך זיך דערמאנט אז איך האב פארגעסן פון דעם ריעל עסטעיט עידזשענט (מתווך)! אין יענע צייט האב איך אים נאר באצאלט א טייל פונעם געלט, און א גרויסער סכום איז נאך געבליבן אומבאצאלט.

איך האב זיך געאיילט אים צו באצאלן, און תיכף ומיד האב איך געזען די טויש! עס האט אויסגעזען ווי עס איז געלעגן א קפידא אויף די נייע דירה, און אין די רגע וואס איך האב געענדיגט באצאלן פארן עידזשענט, האבן מענטשן אנגעהויבן רופן און פארלאנגען דוקא די דאזיגע דירה. היינט צו טאג איז עס פארדונגען פאר געסט איינס נאכן אנדערן און ס'איז דא א גרויסע פארלאנג דערויף, ברוך השם.

<<<



### הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א

## די גרעסטע ברכה

ווען איז דען נישט אמאל אויסגעקומען צו גיין צו א צדיק אויף צו בעטן פון אים א ברכה? יעדער בעט א ברכה אין זיין צייט: נחת, שידוכים, געזונט און הצלחה. אבער מחמת איזה סיבה הערט מען ווייניגער אז מענטשן זאלן גיין צו צדיקים אויף צו בעטן א ברכה צו פילן א ריכטיגן נאנטקייט און קשר צום הייליגן באשעפער... און דאס איז טראָץ דעם וואס אין פאקט איז קרבת אלוקים די איינציגסטע אמת'ע שמחה אויף דער וועלט - און די איינציגסטע שמחה אין עולם הבא!

די תורה הייסט אונז שרייבן די הייליגע פרשיות אויף די מזוזות פון שטוב. עס איז דא אויף דעם א קלארע און ליכטיגע טעם. דער רמב"ם ערקלערט אין הלכות מזוזה (פרק ו', י"ג) אז דער תכלית פון די מזוזה איז צו דערמאנען דעם מענטש אז דער באשעפער עקזיסטירט ביי יעדע טריט און שריט אין לעבן: ביים גיין און ביים קומען, ביים אויפשטיין און ביים זיך לייגן שלאפן, ביים עסן און ביים ארבעטן.

די דאזיגע ידיעה, וואס שטייט געשריבן אין אט די פרשיות, העלפט א מענטש צו געדענקען דעם צור העולמים און דערמיט אויטאמאטיש אויך אויף צו אויסצוגלייכן זיינע וועגן און זיין התנהגות. עס וועט אים ארויס העלפן אויף צו אנדלען ריכטיג אפילו ווען ער איז פארנומען מיט די הבלי הזמן.

אונזער גאנצע לעבן זענען מיר פארנומען מיט דאגות: איבער פרנסה, איבער אויפציען די קינדער, איבער נחת און כבוד, איבער געזונט און הצלחה. אבער וויפיל פלאץ פארנעמט אין אונזערע מחשבות די ידיעה פון די מזוזה?

און דאך, למעשה, איז דאס דאס איינציגסטע זאך וואס איז באמת חשוב און וויכטיג - די הכרה אין אונזער באשעפער, די אמת'ע און פשוט'ע נאנטקייט צום צור העולמים!

אויב מיר וועלן אריינקוקן טיפער אין די ענינים, וועלן מיר אנטדעקן עפעס גאר וואונדערליך: די גאנצע סיבה פון אלע 'פעקלעך', יסורים און שוועריגקייטן וואס מענטשן מאכן מיט, איז נאר ווייל דער הייליגער באשעפער וויל אז מיר זאלן זיין נאנט צו אים. דאס איז דער וועג וואס וועקט אונז אויף זיך צו דערנענטערן צו אונזער טייערן פאטער אין הימל, און דערמיט צו צוקומען צו דעם תכלית פאר וואס מיר זענען באשאפן געווארן. יסורים צווינגען אונז צו דאווענען מיט כוונה און תחנונים, און זיך צו באהעפטן צום מלך העולם.

א מענטש וואס איז נאנט צום אויבערשטן קען זוכה זיין צו ישועות וואס אנדערע באקומען נישט. דאס איז ענדליך צו די וואס זענען מקורבים צו א קעניג, וואס באקומען א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פון אים! יוסף הצדיק און דוד המלך האבן מיטגעמאכט ענדלאזע און אומבאגרייפליכע בזיונות און שוועריגקייטן אין זייערע יונגע יארן. אנדערע מענטשן אין אזא מצב וואלטן געמיינט אז זיי האבן שוין נישט קיין שום מעגליכקייט צו קענען דינען דעם באשעפער, און זיי וואלטן חלילה פארלירן געווארן. אבער זיי האבן פארשטאנען אז עס איז פונקט פארקערט, דווקא דורך די שוועריגקייטן קענען זיי אנקומען צו א גאר א ספעציעלן נאנטקייט צום באשעפער, און דורך דעם האבן זיי זוכה געווען צו אלעס וואס זיי האבן דערגרייכט! א מענטש וואס איז באשטימט פאר גרויסקייט מוז אדורכגיין שוועריגקייטן און נסיונות!

## וואס עס פעלט אויס צו וויסן

**דא רעדט הרב י. ווערטהיימער פון ירושלים:**

איך האב מחליט געווען בשעה טובה צו עפענען א באנק אקאונט. מיט פילע תפילות פאר פרנסה בהרחבה, האבן מיר אויסגעוועלט א פרייטאג צו גיין אין באנק און דארט אנגרייטן א כלי פאר די שפע. איך בין געשטאנען מיט מיין פרוי ביים באס סטאנציע צו פארן צום באנק, און איך האב איר געזאגט: ”איך געדענק אז דאס לעצטע מאל וואס איך בין געווען אין יענעם געגנט פונעם באנק, איז געווען א שרעקליכע תערובות אויפן באס. איך האב ממש נישט געקענט שטיין דארט, צוליב שמירת עיניים. לאמיר ענדערש נעמען א טעקסי.”

זי האט טיילווייז מסכים געווען, זאגנדיג אז וואס ס'קומט אן ערשט, דאס וועלן מיר נעמען. צום סוף זענען א באס און א טעקסי אנגעקומען אינאיינעם. מיר האבן זיך אריינגעזעצט אינעם טעקסי.

”פיר מיר צו יענע און יענע באנק„ האב איך געזאגט פארן דרייווער, ”ס'איז אויף יענע און יענע גאס.”

”יענע גאס? דו האסט א טעות. יענע ברענטש (סניף) האט זיך שוין פארמאכט און געמופט צו אן אנדערן גאס.”

”איז פיר מיר אהין„ האב איך געבעטן. איך האב דאך נישט געהאט קיין שום אינטערעס צו גיין צו יענע ספעציפישע גאס; מיין גאנצע ציל איז בלויז געווען אנצוקומען צום באנק.

”יעצט? ס'לוינט זיך נישט. פרייטאג איז די באנק פארמאכט. איך האב דארט אן אקאונט, און איך ווייס דאס פאר א פאקס.”

”אויב אזוי, ווילן מיר ארויסגיין„ האב איך געזאגט פארן דרייווער. מיר האבן נישט געהאט קיין שום אינטערעס צו מאכן אן איבעריגע רייזע איבערן שטאט פרייטאג אינדערפרי. דער דרייווער האט פארשטאנען אז מיר האבן פשוט נישט געוואוסט די שעה'ן ווען ס'איז אפן, ער האט אונז ארויסגעלאזט און אפילו נישט געבעטן קיין געלט. מיר האבן געדאנקט דעם באשעפער אז א דאנק שמירת עיניים בין איך געראטעוועט געווארן פון ביטול זמן און עגמת נפש.

שפעטער האב איך זיך אויך דערוואוסט אז מ'דארף מאכן אן אפוינטמענט פארן גיין צום באנק, און דעמאלט ווייסט מען פונקטליך וואו די באנק געפינט זיך און וועלכע צייט אנצוקומען. ווען מיר וואלטן נישט אויסגעוועלט צו גיין פונקט ווען ס'איז פארמאכט, וואלט דער דרייווער אונז גארנישט געזאגט, ווייל ער וואלט נישט געהאט וואס צו זאגן... און דעמאלסט וואלטן מיר אנגעקומען צום באנק, און נאכן ווארטן און פארשווענדן צייט, געלט און כוחות, וואלטן מיר אויסגעפינען אז מיר האבן דארט גארנישט וואס צו זיכן אן א פריער-באשטעלטע אפוינטמענט... געלויבט איז דער באשעפער וואס האט אונז אפגעשוינט פון די עגמת נפש!

## א טעלעפאן רוף אינמיטן די נאכט

**הרב מנחם זוסמאן פון בית שמש דערציילט:**

ווען איך האב געלערנט אין א געוויסע ישיבה, האב איך געבארגט צוויי הונדערט דאלאר פון א בחור מיטן נאמען יונתן. א היבשע צייט איז אריבער; איך האב שוין נישט געלערנט אין יענע ישיבה, און דער חוב איז נאך אלץ געבליבן. די צוויי הונדערט דאלאר זענען געווען ביי מיר, און איך האב געוואלט עס צוריקגעבן, אבער איך האב געהאט גרויסע שוועריגקייטן. איך האב נישט געוואוסט וואו יונתן וואוינט. ער איז געקומען צו די ישיבה פון א קליין שטעטל אין ארץ ישראל, ווייט פונעם צענטער.

עס האט מיר גענומען א לאנגע צייט צו טרעפן יונתן'ס אדרעס. נאכדעם האב איך געזוכט מיינע קרובים וואס וואוינען אין יענע ווייטע שטאט עטליכע מאל, אבער זיי האבן אים נישט געקענט און דערפאר האבן זיי מיר נישט געקענט העלפן. ס'איז געווען מאדנע, אלע טעלעפאן רופן וואס איך האב פרובירט צו מאכן איבער דעם ענין האבן נישט געברענגט קיין שום רעזולטאטן, ביז ווען ענדליך ענדליך האב איך באקומען יונתן'ס טעלעפאן נומער.

ס'איז שוין געווען שפעט ביינאכט, אבער איך האב נישט געקענט ווארטן. דאס איז עס. דאס געלט איז ביי מיר, דעם נומער האב איך אויך, און איך האב גערופן.

א פארשלאפענע שטימע האט געענטפערט דעם טעלעפאן. ”דו געדענקסט מיר?” האב איך אים געפרעגט, זייענדיג ניינציג פראצענט זיכער אז ער גייט זאגן ניין. לויט יונתן'ס שטימע האט אויסגעזען ווי איך האב אים אויפגעוועקט פונקט אינמיטן א חלום. אבער ער האט געדענקט; איך האב אים דערמאנט פונעם חוב, און מיר האבן אפגעמאכט וויאזוי איך גיי עס אים צוריקשיקן.

”דו האסט מיר געראטעוועט„ האט יונתן געזאגט אינמיטן דעם שמועס. ”דו האסט נישט קיין אנונג וואס דא איז יעצט געשען. פאר דו האסט גערופן, בין איך געזעסן אויפן בעט מיט די פיס אין א שיסל וואסער מיט א מאסאזש-מאשין אינעווייניג. דאס איז א מאשינדל וואס מאסאזשירט די פיס אין וואסער, און האט פארשידענע געזונטהייט בענעפיטן.

איך בין איינגעשלאפן אינמיטן די מאסאזש. דיין טעלעפאן רוף האט מיר אויפגעוועקט אין א קריטישע מינוט: ווען איך האב געעפנט די אויגן, האב איך געזען רויך ארויסקומען פונעם מאשין! דאס איז ממש סכנת נפשות. ווען א מענטש'ס פיס געפינט זיך אין וואסער העכער א צובראכענעם עלעקטראנישן כלי, איז דאס א שרעקליכע סכנה פון א עלעקטריק שאק! ווייל דו האסט מיר ברוך השם אויפגעוועקט, האב איך עס תיכף אויסגעשאלטערט!”

איך בין געווען זייער גערירט. פלוצלינג האב איך פארשטאנען פארוואס עס האט זיך אזוי פארשלעפט ביז איך האב געטראפן דעם נומער. דער אייבערשטער האט אלעס אנגעגרייט, אז איך זאל קענען ראטעווען יונתן פונקט אין די ריכטיגע סעקונדע.

## מזל'דיג?

**הרב יואל שחר פון ירושלים דערציילט:**

א חבר מיינער האט מיר דערציילט א מעשה וואס האט מיך מורא'דיג איבערגענומען.

ווען מיר האבן נאך געוואוינט אין אמעריקע, האט מיין טאטע געגעבן א נדבה פאר א ארגאניזאציע דורך א הגרלה. זיין נומער איז ארויס אינעם גורל, און ער האט געווינען: א פאמיליע-סייז פיצא...

מיר זענען געווען צופרידן צו זען אז זיין מזל האט געשפילט. עס איז אויך געווען אביסל קאמיש אז ווען דאס מזל שמייכלט שוין ענדליך, באקומט מען א פיצא אנשטאט עפעס מער וויכטיג.... מיר האבן געלאכט, און אלע קינדער האבן מיר קוים געווארט אז מיין טאטע זאל אפנעמען די פיצא פון די פיצא געשעפט. איין טאג איז מיין טאטע געגאנגען צו די כשר'ע פיצא געשעפט מיט זיין געווינס-טיקעט און באקומען אומזינסט פיצא אין א באקס.

ער איז קוים ארויס פונעם געשעפט, ווען א שטארקע, אומגעווענליכע ווינט האט אים אנגעטראפן. דער ווינט איז געווען אזוי שטארק אז דער דעקל פונעם באקס האט זיך אויפגעמאכט, און די פיצא איז ארויסגעפאלן און געלאנדעט מיט די זייט פון די קעז אויף אראפ, אויפן זייט פונעם גאס.

קליינע שטיינדלעך און זאמד האבן זיך צוגעקלעפט צו די איילבירטן און די טאמאטע-זאפט, און די פיצא איז געווארן אינגאנצן אומבאנוצבאר.

מיין טאטע איז נישט געווארן צעבראכן. ער האט געדאנקט דעם באשעפער פאר וואס ער האט אים געגעבן, און דערנאך פאר וואס ער האט אים צוגענומען. אויך דאס איז געווען לטובה.

א שטיק צייט שפעטער האט ער אויסגעפונען אז מ'האט אראפגענומען די השגחה פון יענע פיצא געשעפט, וואס פלעגט זיין כשר. דער בעל הבית האט געהאט א מאנגל אין קעז, און מ'האט אים געכאפט קויפן צוליב דעם טריפה'נע קעז פאר זיינע קאסטומערס.

דער ווינט וואס איז געקומען און אוועקגעבלאזן מיין טאטע'ס פיצא איז געווען א שליח פונעם באשעפער אים צו ראטעווען פון עסן טריפה'נע קעז!

מיר טענה'ן זיך נאך אלץ ארום צי מיין טאטע האט געהאט מזל אדער נישט. געווינען א פיצא איז נישט די גרויסע גליק וואס מענטשן זוכן, אבער צו זען די השגחה פרטית פונעם באשעפער - ווי ער שיקט א ווינט צו ראטעווען א איד פון עסן טריפה - צו פילן די אהבה און די שמירה, דאס איז פיל מער ווי סתם מזל; דאס איז העכער און גרעסער פון אלעס.

**האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?**
**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**
**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

### בריוון צו די מערכת

**צו די חשוב'ע מערכת פון די 'השגחה פרטית' גליונות,**
**שלום וברכה!**

אלס א ליינער פון אייערע רירנדע השגחה פרטית מעשיות, וואלט איך געוואלט מיטצוטיילן מיט די ליינער א השגחה וואס איך האב זוכה געווען צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן.

מיין זון, וואס לערנט אין ארץ ישראל, האט מיר גערופן דערמאנען אז זיין אפוינטמענט ביים ציין דאקטער איז באשטימט פאר איינע פון די קומענדיגע טעג.

מיט א שטיק צייט צוריק האט ער אונז דערציילט אז ער איז געווען ביי א ציין דאקטער, און זיי האבן אים צוגעגרייט א באהאנדלונג פלאן וואס קאסט איבער צוויי טויזנט שקל. ער האט געדארפט באצאלן ביזן 22סטן פון דעם חודש כדי זיין באהאנדלונג פלאן זאל נישט געקענסלעד ווערן, וואס דאס וואלט געקענט ברענגען נאך איבעריגע הוצאות.

אונזער פינאנציעלע מצב איז שוין אזוי אויך גאנץ אנגעצויגן, אלזא ווען מיין זון האט גערופן מיט עטליכע טעג צוריק און גערעדט וועגן דעם ענין, האב איך פשוט נישט געוויסט וויאזוי דאס צו באהאנדלען. איך האב אים געזאגט אז עס זענען נאך געבליבן אפאר טעג ביז'ן באשטימטן טאג, און די ישועה וועט זיכער קומען פונעם באשעפער. יעצט, ווען ער האט נאכאמאל גערופן, האבן מיר געענדיגט דעם שמועס מיט אים דורך-רעדנדיג דעם חיוב השתדלות און וואס מיר קענען נאך פראבירן צו טון אויף צו שאפן די נויטיגע סכום געלט.

פלוצלינג האט דער סעלפאן נאכאמאל געקלונגען. דאס מאל איז עס געווען דער טרעוול עידזשענט וואס האט מיך געוואלט לאזן וויסן אז 'לופטהאנזא' האט ענדליך צוריקגעשיקט די געלט פאר די פליט וואס איז געווארן געקענסעלד בערך צוויי חדשים צוריק. דער סכום געלט איז געווען ממש מיט אפאר שקלים מער וויפיל מיין זון האט געדארפט פאר זיינע ציין-באהאנדלונג, אפשר פונקט גענוג פאר די טראנספארטאציע הוצאות... איך מוז באמערקן אז ביידע סכומים זענען נישט געווען קיין רונדיגע נומערן. יעצט בלייבט אונז נאר איבער זיך צו פרייען מיט די אפענע השגחה פרטית וואס מיר האבן יעצט געזען, דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם, און אויסניצן די עת רצון צו בעטן אויף ווייטער.

**בברכה יוסף קאנאבלעוויטש, מאנטשעסטער יצ"ו**

**האט איר הערות והארות? שיקט אן אימעיל צו דער מערכת.**

## אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן צוּ בֶּענְטְשְׁן

**מוֹטִי קְלַיין פוּן בֵּיתָר דֶערְצֵיילְט:**




אֵיין טָאג אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, נָאכְן עֶסְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן בַּיי רִיסֶעס, אִיז דֶער רְבִּי אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶעגְרֵייט אָנְצוּפַאנְגֶען לֶערְנֶען. אִין דִי מִינוּט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז אֵייגְנְטלִיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁפִּילְט אוּן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּענְטְשְׁן! אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט מַיין סִידוּר אוֹיפְן טִישׁ, אוּן וִויסְנְדִיג אַז דֶער רְבִּי הָאט נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט עֶסְפִּיעֶט צוּ בֶּענְטְשְׁן בַּיי רִיסֶעס, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעמִישְׁט בַּיים בֶּענְטְשְׁן.

אָבֶּער אִין דִי סֶעקוּנְדֶע וָואס מַיין פִינְגֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בֶּענְטְשְׁן, הָאט דֶער רְבִּי אָנְגֶעפַאנְגֶען פָארְלֶערְנֶען עֶפֶּעס. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעמַאכְט דֶעם סִידוּר, גֶעהֶערְט, גֶעלֶערְנְט, אוּן וֶוען דֶער רְבִּי הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאבּ אִיךְ וִוידֶער אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם בֶּענְטְשְׁן. שׁוֹין כִּמְעַט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן... דֶער רְבִּי פַאנְגְט אָן פָארְלֶערְנֶען נָאךְ עֶפֶּעס.

אַזוֹי עֶטְלִיכֶע מָאל. אִיךְ גְרֵייט זִיךְ צוּ אָנְפַאנְגֶען בֶּענְטְשְׁן אִין אַ רוּאִיגֶע מִינוּט, אוּן אִין דִי סֶעקוּנְדֶע וָואס מַיין פִינְגֶער שְׁטֵייט בַּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פַאנְגְט דֶער רְבִּי אָן צוּ רֶעדְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'וָואס עֶפֶּעס קֶען אִיךְ נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן הַיינְט? וָואס הַאלְט מִיר אָפּ?' אוּן פְּלוּצְלוּנְג דֶערְמָאן אִיךְ זִיךְ: אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט קֵיין בְּרוֹיט! אִיךְ דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן צוּ בֶּענְטְשְׁן אוּמְזִיסְט אוּן עוֹבֵר זַיין אוֹיף אוּמְצָאלִיגֶע בְּרָכוֹת לְבַטָּלָה.

## בְּלוֹיז פוּפְצֶן מִינוּט!

**יְהוּדָה יִצְחַקוֹב פוּן בְּנֵי בְּרַק דֶערְצֵיילְט:**

אִין קִרְיַת הֶרְצוֹג, אַ גֶעגְנְט נָאנְט צוּ בְּנֵי בְּרַק, קוּמְט פָאר יֶעדְן טָאג אִין דִי פַארְנַאכְט שָׁעָה'ן אַ חֶבְרָה פַאר עֶרְוַואקְסֶענֶע אִינְגְלֶעךְ, מִיר רוּפְן עֶס מַתְמִידִים. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ גֵיין לֶערְנֶען אִין מַתְמִידִים, דַאוֶוענֶען דָארְט מַעֲרִיב אוּן מִיטְהַאלְטְן דִי פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן.

דִי וֶועג פוּן בְּנֵי בְּרַק צוּ קִרְיַת הֶרְצוֹג אִיז גַאנְץ וַוייט, אוּן דֶער שְׁטֵייגֶער דָא אִיז צוּ נֶעמֶען דֶעם בָּאס.

אֵיין טָאג נָאךְ דִי מַתְמִידִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי בָּאס סְטַאנְצְיֶע אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיינֶע אוֹיגְן צוּם עֶלֶעקְטְרִישְׁן טָאוְול וָואס וַוייזְט נָאךְ וִויפְל מִינוּט קוּמְט דֶער בָּאס.

פִינֶעף אוּן צְוַואנְצִיג מִינוּט אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן. אַזוֹי פִיל צַייט? אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פַארְקְלֶעמְט. פִינֶעף אוּן צְוַואנְצִיג מִינוּט בִּיז דֶער בָּאס קוּמְט, אוּן דֶערְנָאךְ אַ דְרַייסִיג מִינוּט פָארְן! נָאר נָאךְ אַ גַאנְצֶע שָׁעָה וֶועל אִיךְ עֶרְשְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין יֶעצְט מִיד אוּן עֶרְשֶׁעפְּט.




"בַּאשֶׁעפֶער" הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן וֶוער עֶס קֶען אֵייבִּיג הֶעלְפְן, "אוֹיבּ וֶועט דֶער בָּאס קוּמֶען פְרִיעֶר וִוי גֶערָאכְטְן, וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית לַיין".

אֵיינִיגֶע מִינוּטְן זֶענֶען אַרִיבֶּער אוּן דֶער בָּאס אִיז גֶעקוּמֶען. דִי וֶועג הָאט גֶענוּמֶען הֶעלְפְט צַייט וִוי יֶעדְן טָאג! נָאר פוּפְצְן מִינוּט! אַזְשׁ בִּיז וֵוינִיגֶער וִוי דְרַייסִיג מִינוּט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים.

## מִיט פוּלֶע הֶענְט

**שְׁמוּאֵלִי טַייכְמַאן פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**

יֶעדְן טָאג פָאר אִיךְ מִיטְן בָּאס צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה. אַהִין אוּן צוּרִיק. אֵיין טָאג הָאט זִיךְ דֶער בָּאס פַארְזוּימְט אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט טְרֶעפְן אִינְדֶערְהֵיים נָאךְ אַזַא פוּלְן לֶערְן טָאג. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקְוֶוענְקְלְט צוּ אִיךְ זָאל אָנְרוּפְן מַיין טַאטְן בֶּעטְן עֶר זָאל מִיר קוּמֶען אָפְּנֶעמֶען, אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ אִין דִי צַייט אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיין אַרְבֶּעט.

יָא אָנְרוּפְן? נִישְׁט אָנְרוּפְן?

עֶנְדֶע הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁטִימְט צוּ פְּרוּבִּירְן אָנְרוּפְן.

אֶפְשָׁר אִיז אִים עֶס יָא פּוּנְקְט פַּאסִיג הַיינְט?



אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַ הֵיימִישֶׁער אִיד אַ סֶעלְפָאוּן אוּן גֶעדְרִיקְט מַיין טַאטְנְ'ס נוּמֶער.

מַיין טַאטֶע הָאט גְלַייךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶר הֶערְט מַיין שְׁטִים. "שְׁמוּאֵלִי? עֶס אִיז דוּ? וִוי הָאסְטוּ גֶעוואוּסְט מִיר צוּ קְלִינְגֶען?" הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט. "פּוּנְקְט בִּין אִיךְ יֶעצְט אִין גֶעגְנְט פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה."

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִיךְ בִּין אַרַיין פְרֵיילִיךְ אִין קַאר, זִיךְ גֶעוָואלְט מַאכְן בַּאקְוֶועם אוּן זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסְן אִין.... פִיל זֶעקְלֶעךְ.

"זֶע נָאר וִוי פוּן הִימְל בִּיסְטוּ דָא אַרַיינְגֶעפַאלְן" הָאט מַיין טַאטֶע מִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען אִיבֶּערַאשְׁט. "אִיךְ קוּם יֶעצְט צוּרִיק פוּן אַ גְרוֹיסְן אַיינְקוֹיף. מַיינֶע הֶענְט טוּעֶן מִיר נָאךְ וֵויי פוּן שְׁלֶעפְּן דִי זֶעקְלֶעךְ בִּיזְ'ן קַאר. יֶעצְט וֶועסְטוּ מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן זֵיי אַהֵיימְשְׁלֶעפְּן.

**טַיְיעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרַיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.
אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!
גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,
**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**
**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

# אַ שָׁלִיחַ פוּן הִימְל

**פרק 2 פון 4**

אִינְמִיטְן דִי רַייזֶע אוֹיפְן הַייוֶועי אִיז גֶעשֶׁען אַ פֶּעלֶער אִינֶעם קַאר פוּן פַאמִילְיֶע גַמְבָּשׁ.



**ארט פון פארשפרייטונג:**
**בארא פארק, אין די בנין צווישן שכנים.**

**וואס האט אייך געברענגט זיך צו ארייַנלייגן אין פארשפרייטן די גליונות?**

סתם ווייל איך האב ליב צו מחבר זיין אידן מיט אמונה ובטחון!

**איר האט פונקט מיטגעלעבט עפעס א השגחה פרטית וואס האט געהאט צוטון מיט די הפצה?**

נישט ממש מיט די הפצה, אבער יא מיט די האטליין.

אין די יאר וואס איך האב אנגעהויבן אויסהערן די השגחה ליין, האב איך נאכדעם געהאט אז מיין זון האט געדארפט א פאספארט, און איך האב גערופן צו באקומען אן אפוינטמענט. ס'איז געווען קאוויד צייטן, איז זייער שווער געווען צו באקומען אן אפוינטמענט. ער האט געדארפט מאכן קודם אן אידענטיפיקאציע קארטל, און נאכדעם באקומען די פאספארט.

אינמיטן וועג צום אפוינטמענט, איז געווען א שווערע טרעפיק. דאס איז די ערשטע זאך וואס איך זאג פאר מיין זון, "אונז פארן מיט'ן אייבערשטן, אונז דארפן נישט זיין נערוועז. ס'איז יא טרעפיק, נישט טרעפיק, אונז ווען אנקומען פונקט ווען אונז דארפן אנקומען." אינמיטן געבט זיך דער דרייווער א רוף אן, "ס'איז דא זייער אסאך טרעפיק, מיר וועלן זיין דארט א דריי פערטל שעה שפעט." האב איך געזאגט פאר מיין זון - דאס איז געווען ממש דירעקט אונטער די השפעה פון אויסהערן די שיעורים, האב איך געזאגט - ער רעדט נישט פון אונז, ער רעדט ארויס פון זיין אייגענע מויל וואס ער טראכט, אבער ס'האט גארנישט מיט אונז, ס'מיינט נישט אונז.

איך קום אן דארט, איך בין געווען אזוי רואיג. איז געזעסן טאקע א שומר דארט ביים טיר, און מ'דארף ווייזן א צעטל אז מ'האט אן אפוינטמענט. און שוין, איך ווייז מיין צעטל. זאגט ער מיר, "יור אפוינטמענט איז טומאראו" דיין אפוינטמענט איז גאר מארגן!

איך האב געטראכט ביי מיר די גאנצע צייט, דער אייבערשטער קען ארייַנגעבן אין די הארץ פון יעדן איינעם וואס צו טון. איך פרעג אים נאכאמאל, רואיגערהייט: "איך בין געקומען זייער א ווייטע וועג צו פארן. אפשר קען מען מיר דאך ארייַנלאזן?" ער האט געפרעגט, און מ'האט מיך ארייַנגעלאזט, און א דריי פערטל שעה שפעטער בין איך געווען ארויס.

דאס וואס האט אונז געהאלטן אזוי רואיג, און דאס אז מיר זענען אנגעקומען, מ'האט אונז ארייַנגעלאזט, ס'איז נישט געווען קיין שום פראבלעם, ס'איז אלץ געווען א דאנק זיך מחזק זיין מיט אמונה ובטחון, אין יענע תקופה האב איך זייער אסאך געהערט השגחה כללית ופרטית.

איך האב אויך אראפגעשריבן דעם ניגון פון מזמור לתודה, איך האב עס אביסל 'מגיה געווען', איך האב צוגעלייגט אייגענע שורות וואס רעדט פון מיין הארץ, און די ניגון האב איך מיר אייַנגעחזר'ט, און איך זינג עס זייער אסאך מאל אפט. אסאך מאל האב איך שווערע תקופות, און ס'איז דא איין שורה וואס איך האב מיר ארייַנגעלייגט אז אלעס וואס פאסירט ווערט דורך דיר געפירט, אלעס איז לויט דיין פונקטליכע פלאן, ס'איז אלעס דיין. האב איך מיר צוגעלייגט די ווערטער דווקא: איך מוז עס בכלל נישט פארשטיין.

איך מוז אייך זאגן, איינער פון מייַנע נענטסטע קרובים איז ל"ע אוועק די יאר, די ווערטער האט מיר געגעבן מורא'דיגע חיזוק. איך האב מיך שוין דעמאלסט אייַנגעחזר'ט, אז איך מוז עס בכלל נישט פארשטיין. און די גאנצע פרשה וויאזוי ס'איז געשען איז אויך, איך האב ממש געפילט, דער אייבערשטער האט אזוי געפירט אז איך זאל נישט טראכטן אז איך מוז פארשטיין. ס'איז געווען ממש מורא'דיג, מורא'דיג.

און אויך די אני מאמין איז זייער זייער א שטארקער ניגון וואס איך האב מיר אייַנגעחזר'ט, און איך זינג דאס גאר אסאך. און די שבע תנאים איז אויך זייער א שטארקער ניגון פון וואס איך האב הנאה געהאט.

**איר האט עפעס וואס איר קענט איבערגעבן פאר איינער וואס ער טראכט צו ער זאל יא אדער נישט פארשפרייטן די גליון?**

ווען מ'פארשפרייט א גליון אדער סיי וועלכע זאך וואס האט צו טון מיט אמונה און בטחון, ברענגט מען אויף זיך גוטע השפעות. און ס'פארעמט אויס דעם מענטש'ס מחשבות און דעם מענטש'ס בליק, ווייל ס'איז אן אנדערע מין לעבן, און מ'טוט זיך א טובה, און מ'טוט א טובה פארן כלל.

איך האב שוין אסאך מענטשן געגעבן די טעלעפאן-נאמבער צו רופן, און היינט קען איך זאגן אז דאס איז די עיקר וואס איך הער אויס אין דעם ענין. און איך ווייס נישט וויאזוי איך וואלט אויסגעהאלטן אן דעם - ס'איז א געוואלדיגע זאך!

יא איר קענט ווערן א משפיע!

מיט אייער השתתפות פון $36 א חודש פאר'ן גליון "השגחה פרטית" וואס פארשפרייט אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער "משפיע" באקומט צו זיך אינדערהיים 10 השגחה-פרטית גליונות צו קענען פארשפרייטן אמונה צווישן אידן!

א באזונדערע שליח וועט בעז"ה ארויפגיין צום ציון פון **בעל "חובות הלבבות"** אין צפת, און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומקא'ה זוועהילער האט געזאגט: "אז מען טוט אין השגחה פרטית זעט מען השגחה פרטית"

רופט יעצט און הייבט אן משפיע זיין אמונה און בטחון פאר אידישע קינדער!

רופט: 585-308-3293

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר / דאס האט נישט חשש שמות לגניזה מען דארף נזהר זיין בקדושת הגליון עס זאל נישט צוקומען צו קיין בזיון אזוי ווי מען איז נוהג מיט תשמישי קדושה.

אויב האט איר סיי וועלכע הערות
לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com